

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

קרח
תשפ"ב לפ"ק
גליון רכ"ו

**פראגע**

## וואס איז די כונה פון זאגן "אמן יהא שמיה רבא"?

### ענטפער:

**מען** דארף פארשטיין וואס דער שליח ציבור האט געזאגט בעפאר, כדי צו פארשטיין אויף וואס מען ענטפערט אמן. דער ש"ץ זאגט **"יתגדל ויתקדש שמיה רבא"** – עס זאל גרויס ווערן און געהייליגט ווערן זיין גרויסן נאמען. פארוואס זאגט ער דאס? וואס איז דער ציל?

וויל דאס איז די סיבה פארוואס מיר קומען זיך צוזאם אין שול. מיר קומען זיך צוזאם צו געבן כבוד פאר'ן אויבערשטן; צו דעמאנסטרירן אונזער געטריישאפט צו אים און אויסדרוקן אונזער הכרת הטוב צו אים. דאס איז די צוועק פארוואס מיר קומען זיך צוזאמען.

במילא ווען ער זאגט **"יתגדל ויתקדש שמיה רבה"**, ענטפערן מיר **"אמן יהא שמיה רבא מברך לעלם ולעלמי עלמיא"** – זיין גרויסע נאמען זאל זיין געבענטשט אויב אייביג און אייביג! עס מיינט: "מיר זענען איינשטימיג! מיר באשטעטיגן ווארעמהארציג די פראצעדור פון זיך צאמקומען און לויבן דעם אויבערשטן. אבער מיר זענען נישט צופרידן בלויז מיט'ן יעצטיגן צוזאמקום, מיר ווילן עס זאל **אנהאלטן אויף אייביגע אייביגקייטן**! וואס מיינט אז מיר ווילן אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער זאלן ממשיך זיין צו גיין אין אונזערע פיסטריט און זיי זאלן זיך אויך צאמקומען אין די בתי מדרשים און אפילו אין זייערע הייזער, און אייביג לויבן דעם אויבערשטן, אויף אייביג. דאס איז וואס מיר זאגן. מיר באגנוגן זיך נישט מיט'ן יעצט. מיר ווילן עס זאל אנהאלטן **"לעלם ולעלמי עלמיא"** – אויף אייביג און אלעמאל. ס'איז א תפלה.

אבער עס איז נישט בלויז א תפלה אויפ'ן עתיד, עס איז אויך א דערקלערונג פון אנטשלאסנקייט: "מיר גייען טון אלעס דאס אויסצופירן!" "יהא שמיה רבה" מיינט אויך, מיר גייען שטיצן ישיבות; מיר גייען בויען בית יעקב שולעס, אלעס כדי זיין גרויסער נאמען זאל ווערן געבענטשט אויף אייביג. בית יעקב מיינט אז מיידלעך וועלן זיין ווילינג צו האבן קינדער. בעפאר בית יעקב איז געקומען האבן מיידלעך נישט געוואלט האבן קיין בעביס. בית יעקב מיינט מיידלעך וואס וועלן האבן צען קינדער.

צי ווייסט איר וואס זיי טוען פאר אונז? זיי ראטעווען דאס אידיש פאלק! איבעראל ארום מאכן זיך אידן חרוב. זיי באגייען נאציאנאלע זעלבסטמארד. יעדער איינער גייט צוגרינד, אבער די בית יעקב מיידלעך האבן אנגעהויבן דעם גרויסן באוועגונג וואס רעביצין קאפלען האט געברענגט פון אייראפע קיין אמעריקע, א שטאלץ צו זיין א אידישע מאמע; זיי האבן געגרינדעט די שולעס און יעצט האבן אידישע פרויען בעביס.

און זיי האבן חתונה צו בני תורה; עס זענען דא פרומע מיידלעך איבעראל! גרויסע משפחות! מען זעט זיי שטיפן בעבי-קערידזשעס, 2 קינדער אין די קערידזש און נאך 4 כאפן זיך אן אין די זייטן און לויפן מיט. דאס איז אן אינספיראציע! מיר דארפן זיי בענטשן ווען מיר גייען זיי דורך. עס קומט זיך זיי אלעס גוטס אין דער וועלט, די איבערגעגעבענע פרויען. עס מיינט אסאך ארבעט, אבער זיי ארבעטן פאר די צוקונפט פון כלל ישראל. דאס איז "יהיה שמיה רבא"! די פרויען זאגן "יהא שמיה רבה" יעדע מינוט! איר ווייסט וואס מיינט צו דארפן וואשן אזויפיל ווינדלען! צו דארפן וואשן אזויפיל געשיר! עס איז ענדלאזע ארבעט. זי זאגט אגאנצן טאג "יהא שמיה רבא."

און דער געטרייער מאן וואס ארבעט אגאנצן טאג צו אויסהאלטן זיין משפחה, אסאך מאל פארלאנגט עס צוויי דזשאבס, ער זאגט אויך "יהא שמיה רבה". דאס מיינען מיר מיט "יהא שמיה רבה". מיר ווילן האבן דורות פון ערליכע אידן.

און די אידן וואס ארבעטן פאר ישיבות, מענטשן וואס זארגן זיך אויסצוצאלן די געהאלט פאר די ישיבות, מענטשן וואס קומען צו די אסיפות און זאגן, "וויאזוי קענען מיר העלפן די ישיבה זאל קענען אנגיין, און אפשר אפילו זיך פארברייטערן?" מענטשן וואס האלטן אויס ישיבות, בעלי דעת וואס גרינדן בית יעקב שולעס – עס גייט אריין אסאך ארבעט. די אלע מענטשן זאגן "יהא שמיה רבא."

אויך ווען א מענטש טרענירט זיך פאר א קאריערע פון לויבן דעם אויבערשטן, ווען א איד לערנט תורה און פארשטייט זיין חוב צו לויבן השי"ת, דאס איז אלעס "יהא שמיה רבא". און דערפאר, יעדע סארט אופן פון עבודת ה' ווערט אויסגעדרוקט ווען מיר זאגן די ווערטער "יהא שמיה רבא".

איז נאכאמאל, ערשטנס כל איז עס א תפלה אז עס

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

זאל אנגיין אויף אייביג – זיין נאמען זאל געבענטשט און דערהויבן ווערן אויף אייביג און אלעמאל. צווייטנס איז עס א דערקלערונג אז דאס איז וואס מיר גייען טון; מיר גייען זען אז דאס זאל אויסגעפירט ווערן אין אונזער לעבן.

און דריטנס איז אז עס איז א נבואה. מיר זאגן יעצט פאָר דעם צוקונפט. דאס גייט אנגיין אויף אייביג! עס וועט אייביג זיין א כלל ישראל. יעדע אנדערע פאלק גייט סוף כל סוף אונטערגיין. די מעכטיגסטע און וויכטיגסטע פעלקער גייען וועלנטועל אונטער, אבער א פאלק וואס זאגט "יהא שמיה רבא" וועט ממשיך זיין עס צו זאגן אויף אייביג.

איך חזר נאכאמאל איבער די דריי זאכן. 1) עס איז א תפלה. 2) עס איז א דערקלערונג אז דאס גייען מיר טון. 3) עס איז א הבטחה אז עס גייט אנגיין אויף אייביג. (# 520)

## פראגע

## איז דא היינט צו טאגס איין הויפט מנהיג פון כלל ישראל?

### ענטפער:

**דאס** איז נישט פאר מיר צו זאגן. אבער וואס איך קען יא זאגן איז, אז מיר האבן ברוך ה' היינט מנהיגים.

אבער איך מוז אייך זאגן, איך האלט נישט פון די צוגאנג פון מבטל זיין א צווייטנ'ס גדול. ניין; עס איז נישט קיין ריכטיגע השקפה. גדולים קענען זיין דא, און גדולים קענען זיין דארט, און מיר דארפן אנערקענען אין אלע פון זיי. דיין גדול דארף נישט זיין דער איינציגסטער גדול.

און אפילו עס קען צומאל זיין מחלוקת, חילוקי דעות, צווישן זיי; יא, עס קען זיין אז עס זאל זיין צווישן **זיי** חילוקי דעות, אבער **מיר** דארפן זיך נישט אריינמישן. עס איז פייער! ערגער ווי פייער! מיר טארן נישט רעדן קיין ווארט. קיין איין ווארט נישט! אויב איז דא מסכסכים צווישן גדולים איז עס נישט אונזערע געשעפטן. האלט דיין מויל פארמאכט. עס איז א טראגישע טעות זיך אריינצומישן.

די קלוגסטע זאך איז צו זיין שטיל און האבן די גרעסטע דרך ארץ פאר אלע מענטשן וואס זענען אנערקענט ביי א גרויסן ציבור אלס מנהיגים.

פארוואס האט די ערד געעפנט א גרויס מויל איינצושלינגען קרח? ווייל קרח האט געעפנט זיין גרויסע מויל צו רעדן קעגן משה. דעריבער עפן נישט דיין מויל! ווייל אפילו היינט עפנט נאך די ערד איר מויל צו באערדיגן מענטשן. אסאך מענטשן זענען שוין איינגעשלינגען געווארן אין זייער פריען קבר ווייל זיי האבן געעפנט זייער מויל. און נאך ערגער, אסאך זענען איינגעשלינגען געווארן אין גיהנם פונקט ווי קרח.

במילא, עפן נישט דיין מויל, ווייל דו קענסט ברענגען ח"ו אסאך צרות אויף זיך. (#901)

## פראגע

## א מענטש וואס ארבעט אין א שעדליכע געגנט, איז עס א גוטע עצה אז ער זאל מאכן לייסענס צו האבן א ביקס?

### ענטפער:

**דאס** איז א שאלה וואס איז נישט גרינג צו ענטפערן, ווייל אסאך מאל קען מען בעסער אפקומען אָן קיין ביקס. עס איז בעסער די עצה וואס מען זאגט אין אלקי נצור יעדן טאג: "ונפשי כעפר לכל תהיה" – מיין זעל זאל זיין ווי ערד צו יעדן איינעם. אויב איינער, א גוי, איז אין די כלים און ער באוואשט דיר, ווער אן עניו. עס לוינט זיך צו זיין אן עניו – דו וועסט לעבן לענגער אויב דו ביזט אן עניו, און האלט דיין מויל פארמאכט.

אבער ווען מען האט א ביקס אין טאש, קען זיין דו וועסט דיך פארגעסן און צוריקענטפערן עפעס ווילד. און דאן איז נישט אזוי זיכער אז ער האט נישט קיין ביקס. און עס קען זיין אז ער וויסט בעסער וויאזוי עס צו נוצן.

איך בין אמאל געגאנגען אויפ'ן גאס צו באזוכן א חבר, און ער האט געזען אז איך טראג א דיקע שטעקן מיט מיר. עס איז געווען אסאך יאר צוריק, בערך 30 יאר צוריק, און עס איז געווען א שעדליכע געגנט, דעריבער האב איך מיטגענומען א שטעקן. און דער חבר האט מיר געזאגט, "טו עס נישט! עס איז א סכנה צו האלטן א שטעקן."

צו האלטן א שטעקן איז א סכנה, ווייל ערשטנס, קענען זיי דיר אוועקכאפן דעם שטעקן און עס נוצן אויף דיר. דאס איז נומער איינס. און צווייטנס, מיט א שטעקן ווערט מען לייכטזיניג. אן א שטעקן, וועסטו בלייבן אינדערהיים. דו ביזט מער פארזיכערט אן קיין שטעקן. און עס איז אלץ בעסער צו פארמיידן פראבלעמען.

איך האב עס אייך שוין אסאך מאל געזאגט. די כינעזער האבן אן אויסשפריך, "ווער איז א העלד? דער וואס ווייסט וויאזוי אוועקצולויפן..." דאס איז א העלד! דער וואס לויפט אוועק און ווערט נישט געשעדיגט.

דערפאר קען איך נישט ענטפערן די פראגע. עס איז אלץ בעסער צו פארמיידן סיי-וועלכע מעגליכקייט פון א סכנה, און טראגן א ביקס מאכט דעם מענטש אסאך מאל לייכטזיניג און מען גייט אין פלעצער וואו מען וואלט סתם אזוי נישט געגאנגען. (# 714)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

## מערכת להתענג 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב